## יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 184 | Łódź, Sroda, 9 sierpnia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, י"ז מנחם אב תרצ"ג | № 184 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# לאדזשער קהלה מוז איבערנעמען די שחיטה

## אויף די רב-פראגע מוז געלעזט ווערען

## בעשטעטיגט דעם קהלה-בודזשעט אויפ'ן יאהר 1933

היינט איז אין דער קהלה-קאנצעלאריע אנגעקומען פון מיניסטעריום דער בעשטעטיגטער בודזשעט אויפ'ן יאהר 1933. דער בודזשעט איז בעשטעטיגט געווארען בלויז מיט קליינע שנוים.

צום בעשטעטיגטען בודזשעט איז צוגעלעגט א בריף פון מיניסטעריום, אין וועלכען די קהלה ווערט אויפגעפאדערט תיכף איבערצונעהמען די שחיטה. אויב די לאדזשער קהלה-פערוואלטונג וועט נישט איבערנעהמען די שחיטה ביזן 1 אקטאבער 1933, וועט קעגען יעדען פערוואלטונגס-מיטגליד בעזונדערס אנגעווענדעט ווערען די שטראף-סאנקציעס, וועלכע זענען פאראויס געזעהען אין געזעץ.

דאס מיניסטעריום וויזט אויך אן אויף דער וויכטיגקייט פון איבערנעהמען די שחיטה אלס הכנסה-קוואל.

גלייכצייטיג בצריהרט דאס מיניסטעריום אינם בריף אויך די פראגע וועגן לאדזשער הויפט-רב, דאס מיניסטעריום באויפטראגט דעם ענין ווי אמגיכסטען צו ערלעדיגען און צוצושיקען די געהעריגע פארשלאגען דער לאדזשער וואיעוואדזטווע.

## 2 פוילישע פליהער נישט געלונגען צו פליען איבערן אטלאנטיק

### ביידע פליהער זענען לייכט-פערוואונדעט געווארען צוליב א קאטאסטראפע מיט'ן עראפלאן

ניו-יארק, 8. (ספ. טעל.) צוויי פוילישע לופט-פליהער בראניסלאוו בעניאמין און יוזעף אדאמאוויטש, וועלכע פליהען אויפ'ן „זיסטען אדלער" זענען ארויסגעפלויגען 5 מיט 6 מינוט אויפ'ן פליה-פלאץ אין בעטפיעלד ביי ניו-יארק.

די לופט שיף איז אריין אין דער ריכטונג פון ניופינלאנד.

דער ציל פון דיזער לופט-רייזע איז איבער'ן אטלאנטיק קיין פוילען.

ניו-יארק, 8. (ספ. טעל.) די ברודער אדאמאוויטש זענען אינדוסטריעלער און פערנעמען זיך מיט לופט פליהעריי שוין 8 יאהר.

מען האלט אז די וועלען פליהען קיין ווארשא.

ניו-יארק, 8. (ספ. טעל.) מיט דער לופט-שיף פון די ברודער אדאמאוויטש איז געשעהען א קאטאסטראפע.

נאכדעם ווי די פליהער זענען שוין געהאט אפגעפלויגען 1,800 קילאמעטער, האבען זיי בעשלאסען זיך אבצושטעלען אין ניי-פינלאנד, כדי זיך צו בעזארגען מיט בענזין.

ווי נאר זיי האבען זיך אראפגעלאזען אויף דער ערד, האט זיך דער עראפלאן איבערגעקעהרט, צוליב'ן שטארקען ווינד.

די פליהער זענען לייכט פערוואונדעט געווארען. זיי פאהרען צוריק קיין ניו-יארק אויף א שיף.

פארק „העלענאוו"

צופאהר-טראמוואי 4 און 8.

היינט, מיטוואך, דעם 9 אויגוסט, 9 א זייגער אוונט

איינציגער רעליגיעזער קאנצערט

פון קעניג החזנים ר' גרשון סיראטא

אין קאנצערט געמט אנטייל די טאכטער פון אויבער-קאנטאר, די בעריהמטע זינגערין

העלענא סיראטא

(מעצא-סאפראן)

איז פראגראם: רעליגיעזע תפלות. פאלקס-לידער און אפערן-אריעס. סאלא-געזאנג און דועטען מיט בעגלייטונג פון סימפאנישען ארקעסטער.

פון 5.30 שפילט דער סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיר. טעאדאר רידער ספעציעלע יודישע מוזיק.

ביים קלאוויר: נפתלי סיראטא.

בילעטען צום פרייז 1.09 זל. צו בעקומען אין טערקישער קאנדיטארײ פיעטריקאווער עק פאלודניאווא און אין קאסע פון „העלענאוו".

Dr Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראזי-קראנקהייטען

צו לעטשניצע-פרייזען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוענד.

סטארשי פעלדשער

ישראל לייב ברעגמאן

צוריקגעקעהרט

קעלמא 28, טעל. 240-43

גאלד, זילבער, ביזשוטעריע

גאלדענע ציינער און לאמבארד-קוויטען

קויפט און צאהלט די העכסטע פרייזען

L. Korzeń, Pomorska 26.

קומט און איבערצייגט אייך!

4086

אונזער קיעראווניק

HENRYK HERCBERG

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פאטער

נ"ע

ישראל אלימלך

דאס פערסאנאל

פון דער ווייז- און מעהל-פאבריק

„WINEA"

צוליב'ן טויט פון מיין אונפערגעסליכען שוויגערפאטער

ישראל אלימלך הערצבערג נ"ע

(זאוויערטשע)

וועלכער איז פון מיר אוועקגעריסען געווארען זונטאג, דעם 6-טען שיערפיען, דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל דער ליבער שוויגערמוטער, שוואגערס, שוועגערינס, אנקעל און טאנטע

שמואל בוכוויץ

לאדז, פיעטריקאווער 62.

4091

נעגען שוויס פון די פיס

צו בעקומען ביים

ציימונגס-פערקויפער

וועלניארזש.

סטארי רינעק 1.

הרינו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו העמוקה לחברנו, חבר נשיאות הקרן הקימת לישראל, מר אהרן אסט בצערו הגדול למות עליו

אחותו ז"ל

בעבודתו למען גאולת הארץ ימצא את נחומיו!

קרן קימת לישראל בלודז.

איינקויף פון גאלד זילבער ביזשוטעריע און לאמבארד = קוויטעם צו די אלערהעכסטע פרייזען געוויסענהאפטע בעדינונג.

I. SOŁOWEJCZYK

פיעטרקאווער 27

(פריער שרודמיעסקא 5)

Dr. Wajnberg

ספעציאליסט פון לונגען- הארץ- און סקלעראז-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוו.

אונזער קיעראווניק

HENRYK HERCBERG

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פאטער

נ"ע

ישראל אלימלך

דאס פערסאנאל פון דער פירמע

Fabryka Wódek i Likierów

„BACHUS"

4090

